Freed, Morris.
Meshuge, tsi nit?
In: Di ibergeblibene : eynaktike dramen.
Peterson, N. Dzsh., 1952.

BIBLIOGRAPHIC RECORD TARGET

YIVO INSTITUTE FOR JEWISH RESEARCH

Master negative Storage Number Y-2005- 1907.23

Freed, Morris.
Meshuge, tsi nit?
In: Di ibergeblibene : eynaktike dramen / Mosheh Frid ; mit a forvort fun Maks Reyzin ; tseykhnung fun Pinhas Skurko.
Peterson, N. Dzsh. : Aroysgegebn fun a grupe fraynt bay der Petersoner Tsiko, 1952.
Pp. 79-86.
In Yiddish.

1. Yiddish drama.--lcsh
I. United States-New York-New York

ID : NXYH01-B16520 CC: 9114 DCF: [HBR]
CALL #: /37402

Reduction ratio X 10.0

משוגע, צי ניט?

אַ דראַמאַטיש בילד

חנה באַשקע, אַן אָרים געקליידעטע מיטל־וואוקסיקע פרוי אין די דרייסיקער יאָרן. אַ צעקאָרבט פנים און גרויע האָר דערמאָנען אין דעם שרעק און שוידער פון די דורכגעמאַכטע יאָרן אין מאַידאַנעק.

סצענע:

אַ קליין צימערל אין אַ די. פּי. לאַגער. אין צימער זעען זיך עטלעכע באַלעבאַטישע זאַכן. רעכטס — אַ טיר צו אַן אַרויס־גאַנג מיט אַ פענצטער ביי דער וואַנט. דאָס צימער איז באַ־לויכטן פון אַן עלעקטריש לעמפּעלע.

פון הינטער די קוליסן הערט זיך חנה באַשקעס געשרייען, ווי זי וואָלט זיך מיט אימעצן געשלאָגן.

חנה באַשקע: אַוועק! אַוועק פון איר! טשעפּעט ניט מיין מלכהלען! איך וואָרן אייך רוצחים, טשעפּעט זי ניט! כ׳וועל אייך צעדראַפּען די פנימער, כ׳וועל אייך צעבייסן די הענט אויב איר וועט זיך צו איר צורירן. פאַרוואָס ווילט איר זי פון מיר צונעמען? וואָס פאַר אַ שלעכטס האָט אייך מיין מלכהלע געטאָן? לאָזט זי אָפּ, מער־דער! אויסוואָורפן! איך בעט אייך לאָזט צורו מיין מידעלע, איך וואָרן אייך, טשעפּעט זי ניט. אַוועק, אַוועק פון איר!

(עס פראַלט אויף די טיר און חנה באַשקע לויפט אַריין מיט אַ ווילדן אימפּעט אין דעם צימערל. זי האַלט די צוויי הענט אין אַ פוסטע גלייך זי וואָלט אין זיי געהאַלטן אַ קינד. זי רעדט צום „קינד" אין די הענט אַריין):

— כ׳האָב דיך געראַטעוועט, מלכהלע, אַך ווי גליקלעך איך בין! דו ביזט שוין אין זייערע הענט געווען און זיי האָבן דיך געוואָלט טויטן, די דייטשישע רוצחים. איך האָב אָבער ניט געלאָזט אַז זיי

זאָלן דיר שלעכטס טאָן, כ'האָב זיי אין די הענט געביסן, זיי האָבן דיך געמוזט אָפּלאָזן און איך בין מיט דיר אַנטלאָפן, מלכהלע. אַ דאַנק, אַ גרויסן דאַנק צו גאָט וואָס איך האָב דיך געראַטעוועט און דו ביזט ווידער ביי מיר, ביי דער מאַמען. האַ? וואָס? דוכט זיך איך הער זייערע טריט.

(זי לויפט מיטן „קינד" איבערן צימער זיך ערגעץ באַהאַלטן).

— ניין ניין, דאָס זיינען ניט די טריט פון די רוצחים, ס'האָט זיך מיר בלויז אויסגעוויזן. שרעק דיך ניט מלכהלע, איך האַלט דיך פעסט אין מיינע הענט!

(זי דריקט דאָס „קינד" צו איר ברוסט מיט ליבשאַפט. וויינט):

— אוי ווי איך האָב דיך ליב, מלכהלע, מיין טייער קינד, זאָלן זיי בעסער די מאַמע דיינע אומברענגען איידער דיך. שרעק זיך ניט מלכהלע, האָב קיין מורא ניט, דו ביזט אין זיכערע הענט, דו ביזט מיט דער מאַמען דיינער און איך וועל פון דיר אַ מינוט ניט אָפּטרעטן. האַ? וואָס? דאַכט זיך, כ'הער טריט. די רוצחים זוכן דיך?

(זי לויפט ווידער מיטן „קינד" איבערן צימער זיך ערגעץ וואו באַהאַלטן און צעלאַכט זיך פלוצעם מיט גרויס פרייד):

— ניין, ניין, ס'איז ניט זיי. ס'האָט זיך מיר ווידער אויסגעוויזן אַז זיי קומען. כ'האָב זיך אומזיסט געשראָקן, מלכהלע. (טרייסטנדיק) נו, זיי שטיל, וויין ניט, שרעק דיך ניט, אַ שאָד די טרערעלעך דיינע, איך פאַרשטיי דו ביזט איבערגעשראָקן. צי אפשר ביזטו הונגעריק?

(נעמט פון שאַפקע אַ גלאָז מילך און טראָגט עס צום „קינדס" מויל).

נו, פאַרוואָס טרינקסטו ניט? האָסט דאָך אַפילו קיין זופּ ניט געטאָן! ניט דוווילסט עסן, ניט דו ווילסט טרינקען, אַלץ וואָס איך גיב דיר בלייבט איבער!

(גלעט זי צערטלעך איבערן קעפּעלע, איבער די בעקעלעך):

און דו ביזט אַזוי אויסגעבלייכט מלכהלע, ביזט מיד? ווילסט אפשר שלאָפן? נו, ס'איז שוין טאַקע פאַר דיר צייט צו גיין שלאָפן, כ'וועל דיך לייגן אין וויגעלע מלכהלע און זאָל זיך דיר חלומען גוטע חלומות.

(זי לייגט אַריין דאָס „קינד" אין וויגעלע. וויגט עס צוזינגנדיק):

איי, ליו, ליו, ליו,
שלאָף מיין קינד,
איי, ליו, ליו, ליו,
גאָט, דער גוטער,
וועט זיין דיין היטער,
איי, ליו, ליו, ליו,
גאָט, דער גוטער,
וועט זיין דיין היטער,
איי, ליו, ליו, ליו...

(זיצנדיק מאַכן זיך איר צו די אויגן און זי רעדט מיט אַ שטיל, האַלב־פאַרחלומט, קול, גלייך ניט זי, נאָר אימעצער אַנדערש וואָלט דאָס צו איר גערעדט):

— זיי וויסן, חנה באַשקע, אַז דו האָסט שוין מער ניט דיין מלכהלען. אָט וואָס ס'איז געשען: אַ גאַנצן טאָג נעכטן זיינען די דייטשע מערדערס אַרומגעלאָפן אין אַלע גאַסן און געסלעך פון דער געטאָ צו כאַפּן יידישע קינדער זיי אומצוברענגען אין די קרעמאַטאָריומס. מיט געווער אין די הענט האָבן זיי זיך אַריינגעריסן אין אַלע יידישע הייזער און וואו נאָר זיי האָבן געפונען אַ קינד, האָבן זיי עס אָפּגעריסן פון דער מאַמען. און אויב די עלטערן האָבן זיך קעגנגעשטעלט, האָבן זיי עס דערשאָסן אינאיינעם מיט זיי.

אויף די גאַסן זיינען געשטאַנען לאַנגע רייען מיט לאַסט־וועגען

אין וועלכע זיי האָבן אַריינגעוואָרפן די כליפּענדע קינדער. ס'געוויין זייערס איז געווען הימלשרייענדיק. די גאָר קליינע קינדער און די עופּהלעך האָבן זיי דערשאָסן, צעריסן אויף צווייען, אָדער זיי געטויט, וואַרפנדיק זיי מיט קעפּלעך אויף די מויערן־ווענט פון דער געטאָ.

און בשעת זיי זיינען אַזוי אַרומגעלאָפן, די דייטשן, האָבן זיי אויך דיך, חנה באַשקע אָנגעטראָפן, דו האָסט געטראָגן מלכהלען אויף די הענט.

האָבן די דייטשישע אוממענטשן געוואָלט ביי דיר צונעמען דייך מלכהלען, דו האָסט זיך קעגן די מערדער געווערט, דו האָסט זיך געבעטן ביי זיי מיט טרערן אין די אויגן, מיט אַ געוויין וואָס האָט געקענט רירן שטיינער. די הערצער פון די דייטשישע בעסטיעס זיינען אָבער געווען האַרטער ווי שטיינער און זיי האָבן ביי דיר דאָס קינד אַרויסגעכאַפּט און עס פאַר דיינע אויגן אויף צווייען צעריסן.

און ווען דו האָסט געזען וואָס זיי האָבן געטאָן מיט דיין מלכהלען, האָסטו אַ גלאָץ געטאָן די אויגן צום הימל, דערנאָך זיך אַ וואָרף געטאָן אויף דער ערד, און ווילד געקלאַפּט דעם קאָפּ אָן די האַרטע שטיינער און גענומען אַזוי הויך לאַכן, ווי דו וואָלסט געלאַכט מיט אַלע געלעכטערס פון דער וועלט: האַ־האַ־האַ און האַ־האַ־האַ! מיט יעדע מינוט האָסטו אַלץ העכער און העכער געלאַכט. און אין מיטן פון דעם ווילדן לאַכן, האָסטו גאָר גענומען קלאָגן מיט אַ יאָמער, וואָס האָט געמאַכט אַלע הימלען צו וויינען. אַזוי האָסטו געהאַלטן אין איין לאַכן און אין איין וויינען, שעהן לאַנג, ביז אימעצער האָט אויף דיר רחמנות געהאַט און דיך ערגעץ אויסבאַהאַלטן.

אָט דאָס, חנה באַשקע, איז געשען מיט דיין שיין טעכטערל, מלכהלע.

(זי עפנט אויף פּאַמעלעך די אויגן. שטעלט זיך אויף, ברעכט מיט די הענט און רעדט מיט אַ צעטומלט קול):

גאָטעניו, גאָטעניו, וואָס פאַר אַ שרעקלעכער חלום ס'האָט זיך מיר געחלומט! (שפּייט אויס דריי מאָל) טפוי, טפוי, טפוי! אויף אַלע פּוסטע און וו־סטע פעלדער געזאָגט געוואָרן, ס'האָט זיך מיר געחלומט אַז מען האָט אויך אומגעבראַכט מיין מלכהלען, פאַר מיינע אויגן זי צעריסן. אָבער ניין, עס קאָן ניט זיין, ס'איז ניט אמת, ס'איז אַ בייזער חלום, אַ ווילדער, אַז מען האָט אומגעבראַכט מיין מלכהלען, ווייל אָט האָב איך זי נאָר וואָס אויף מיינע הענט געהאַלטן.

(צאַפּלט אויף פון גרויס פרייד).

אָט ליגט זי דאָך אין וויגעלע און שלאָפט, אַך, ווי זי שלאָפט דאָס איצטער מיט אַ געזונטן און רואיקן שלאָף. כ'זע דאָס ליכטיקע פּנימל, כ'זע די שייניקע בלויאינקע אייגעלעך, ס'שיינע נעזעלע, די צווי זיסע ליפּעלעך מיט דעם שייניקען שמייכעלע. נו, אויב עס איז אמת אַז זיי האָבן אומגעבראַכט מיין מלכהלען, טאָ ווי אַזוי קען איך זי זען? טאָ ווי קומט עס וואָס איך האָב זי נאָר וואָס אויף די הענט געהאַלטן? ווי קומט עס וואָס איך האָב זיך מיט איר נאָר וואָס געשפּילט? זי צו מיינע ברוסטן געדריקט, זי שלאָפן געלייגט, און צו איר אַ לידעלע געזונגען?

(איר פּנים נעמט פּלוצעם אָן אַ ווילדן אויסדרוק).

אָבער מלכהלע, מיר דוכט זיך אַז דו לעבסט טאַקע ניט מער, ס'איז אַ ליגן אַז איך האָב דיך אויף די הענט געהאַלטן, זיך מיט דיר געשפּילט, דיך ביי די ברוסטן געהאַלטן, דיך שלאָפן געלייגט און דיר אַ לידעלע געזונגען, עפּעס דוכט זיך מיר אַז דאָס איז אַלץ ניט מער ווי אַ חלום און אַז אמת איז דער חלום.

(מיט אַן אויסגעשריי):

וואו ביזטו מלכהלע, וואו ביזטו?

(נעמט ווידער גלאָצן מיט אויגן צום הימל, וואַרפט זיך דערנאָך אויף דער ערד, קלאַפּט זיך דעם קאָפּ אָן דער פּאָדלאָגע, שטעלט זיך

צוריק אויף און נעמט צוערשט לאַכן, דערנאָך וויינען און יאָמערן ביז וואַנען זי באַרואיִקט זיך און נעמט ווידער רעדן מיט אַ זיכערן טאָן אין דער שטימע):

יאָ, איך זע דיך מלכהלע, דו לעבסט, דו לעבסט! (דערשרעקט זיך פּלוצעם) **אָבער עפּעס הער איך טריט, זיינען דאָס די טריט פון די דייטשישע רוצחים? קומען זיי טויטן מיין מלכהלען? נו, נו, זאָלן זיי וואַגן! איך וועל זיי די פּנימער צעדראַפּען! די הענט צעבייסן אויב זיי וועלן זיך צו דיר צורירן, מלכהלע. נאָר אַ דאַנק דיר, גאָט. דאָס זיינען ניט קיין דייטשן, שרעק זיך ניט, מלכהלע, שלאָף רואיק, און זאָל זיך דיך חלומען גוטע חלומות. ביי דיין וויגעלע זיצט דיין מאַמע און וויגט דיך!**

(די וויגט דאָס „קינד" צוזינגענדיק):

אײ, ליו, ליו, ליו,
שלאָף מיין קינד,
אײ, ליו, ליו, ליו, ליו,
גאָט, דער גוטער,
וועט זיין דיין היטער,
אײ ליו, ליו, ליו, ליו,
גאָט, דער גוטער,
וועט זיין דיין היטער,
אײ ליו, ליו, ליו, ליו!